# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

גיליון עז - יתרו תשפ"א


## מעמד מתן תורה

בסייעתא דשמיא מיר שטייען פרשת יתרו, אין פרשת יתרו איז דא די גרויסע טאג, דער טאג פון "מתן תורה", ס'דא אפילו א מצוה פון 'זכירה', 'יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב'.

מיר וועלן פרובירן נעמען איין קליינע נקודה, אבער א יסוד'ישע נקודה, וואס ס'האט פאסירט אין די בריאה ביום 'מתן תורה', אזוי ווי אונז ווייסן יום 'הששי', די גאנצע בריאה שטייט און ס'ווארט אויף דעם טאג פון מתן תורה, דעמאלס ווערט נשלם די בריאה, וואס איז יעצט געווארן מער בשלימות? וואס האט דא פאסירט?

למעשה איז די זאך געבויעט פון אפאר חלקים, און די אלע חלקים צוזאמען וועט ווערן צוזאמען אויף איין, ס'דא די עצם בריאת העולם כביכול הקב"ה האט באשאפן א וועלט וואס קוקט אויס נפרד און אפגעטשעפעט, מ'זעהט גארנישט, מ'זעהט נישט קיין מנהיג לבירה, און אין די בריאה איז דא אזא זאך וואס רופט זיך אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד, דאס איז נתגלה געווארן יום מתן תורה, מ'וועט דאס פרובירן צו צונעמען אויף שטיקעלעך און עס צוריק צוזאמשטעלן.

### אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל

מ'וועט נעמען די זאך וואס רופט זיך ישראל - אידן, מ'קען צודעם צוגיין מיט א צוגאנג ווי די גוי'אישע קאפ גייט צו, ס'דא אין די וועלט, בערג, ס'דא ימים, ס'דא חיות, ס'איך דא אזא סארט בעל חי וואס רופט זיך 'אדם' מענטשן אויף די וועלט, און ס'דא אויך אזא מענטש וואס רופט זיך א איד, להבדיל ס'דא ווייבער, ס'דא שבעים אומות, און ס'דא א אומה וואס רופט זיך ישראל, אבער ס'איז נישט מעלה ומוריד, דאס איז נישט מער ווי א בעל חי, דאס איז דעם בליק פונעם 'גוי'.

ס'דא אזא זאך וואס רופט זיך תורה, פארן גוי קען דאס זיין א שיינע ספר, היסטאריע מיט חוקים, להבדיל אזוי ווי ביי די גוי'אישע יעדע פלאץ האט חוקים ווי אזוי צו זיך פירן, יעדע פלאץ האט היסטאריע פון די פלאץ, זיי ווייסן נישט וואס הייסט 'תורה', ביי זיי איז תורה א שיינע 'בוך' א שיינע 'ספר', ער פארשטייט נישט וואס הייסט תורה מן השמים, ער ווייסט נישט קיין השגות וואס הייסט 'אלקות'.

### בורא - ונברא

ממילא נאכדעם וואס מ'וועט זעהן אז ס'דא אזא זאך וואס רופט זיך 'בורא', בורא כל העולמים - ער באשאפט די וועלט, ס'דא אזא זאך 'איד', און ס'דא אזא זאך 'תורה', לאמיר זעהן באמת וועט מען קענען אין איין ווארט דאס צונעמען, אזא אזוי ווי א מענטש קען נישט פארשטיין וואס דאס הייסט 'בורא' ווייל ער איז 'נברא', און די נברא, די מאקסימום וואס ער קען טוהן איז צוזאמנעמען טויזנטע כוחות פון נבראים און צוזאמשטעלן די אלע כוחות פון 'נבראים', אבער ער קען נישט פארשטיין דער וואס הייסט 'בורא', ער קען משבח זיין דעם בורא מיט אלע סארט אמצעיים פון די מקום הנברא, אבער נישט פון די מקום הבורא.

### 'תורת השם תמימה'

אזוי ווי ווען דער מענטש מאכט א טיש, איז די טיש פארשטייט נישט די מענטש וואס האט איהם געמאכט, 'פי מליון' און נישט נאר מליון, נאר 'לאין ערוך' איז די נברא צו דעם בורא, ער קען נישט משיג זיין וואס דאס הייסט 'בורא', די זעלבע זאך דארף מען פארשטיין אז תורה קדמה לעולם, תורה איז א דבר רוחני 'אינגאנצן', אזוי ווי די הייליגע בעל שם טוב זאגט, 'תורת השם תמימה' - מ'האט עס נאך נישט אנגערירט, פארוואס? ווייל די תורה וואס כביכול הקב"ה האט אראפגעגעבן זיין חכמתו אויף די וועלט, דאס רופט זיך ער האט זיך מצמצם געווען אין 'אותיות', אין א 'ספר תורה', אין 'קלף', און אויף די אלע אותיות וואס באמת ס'איז תורת אמת נתן לעמו, די סיפורי מעשיות פון די תורה איז געוועהן, און דאס איז די תורה, אבער אין די עצם תורה האבן אונז נישט קין שום השגה, ס'איז אזא דבר רוחני, וואס אין ערוך.

### 'נשמת ישראל'

די זעלבע זאך איז, לגבי 'נשמת ישראל', קוקן קוקט אויס אויף די וועלט ס'איז נאך א בעל חי - א מענטש, א בהמה, און א גוי, און א איד, ער שפירט נישט קיין שום חילוק, אבער באמת, דער איד, נאכמער ווי די תניא אפילו צונעמט, איז אתה בחרתנו מכל העמים דאס איז נישט אויף די חלק אלוק ממעל, בחירה איז אויף א זאך וואס איז שוה, די טייטש איז אז אפילו די גופניות פון א איד איז אזא היכע זאך, און אונז זענען עס בכלל נישט משיג, ס'איז מצומצם למטה אויף א צורה פון א מענטש, עס זעהט אפשר אויס פונקט ווי די גוף פון להבדיל א גוי, און טאקע דער גוי וועט נישט זעהן קיין שום חילוק, אבער באמת איז די זאך אסאך העכער.

### 'תכלית הידיעה שלא נדע'

וואס קומט אראפ לגבי אונז, ס'קומט אראפ דא למעשה, אז אברהם אבינו וואס ער האט ממשיך געווען די 'אמונה', ער האט אנגעהויבן אריין שיינען אין די וועלט 'אמונה', און ער איז געגאנגען קעגן די שטראם פון די גאנצע וועלט, און מ'האט איהם צוגעזאגט ברית בין הבתרים, אז ער וועט האבן א רכוש גדול, וואס דאס איז די קבלת התורה וואס די אייבישטער האט געזאגט וזה לך האות אז תעבדון אלקים על ההר הזה, דאס איז געווען אין יענעם טאג, און דעמאלס איז צוזאמגעשטעלט געווארן א מורא'דיגע זאך, אז נישט מ'האט משיג געווען תורה, מ'האט באקומען תורה, מ'האט באקומען אזא מורא'דיגע תורה אז מ'האט אנגעהויבן שוין משיג זיין אז מ'איז נישט משיג גארנישט, די גרעסטע השגה וואס איז דא, איז 'תכלית הידיעה שלא נדע' אז מיר זענען נישט משיג, וואס הייסט? אמאל א מענטש קומט אריין אין א פלאץ און ער זעהט אן אינטערסאנטע זאך, נו, ער מיינט ער פארשטייט, אבער ווען אין א מינוט וועט איהם א מענטש וויזן, די זעהסט נאר דעם חלק, וויפיל פאטענטן ליגט אין דער חלק, אויב דאס מאכט דאס און דאס מאכט יענץ, טוהט ער אויך כאפן אז טאמער דאס האב איך נישט פארשטאנען, די קליינקייט, אויב אזוי די גאנצע זאך וואס איך זעה דא פאר מיינע אויגן ליגט אין דעם אזעלכע חכמות... וואס איך הייב נישט אהן צו משיג זיין, ווייל דאס וואס מ'האט איהם מגלה געווען א טראפ, די ביסעל איז איהם מגלה אז ער ווייסט 'גארנישט'.

### א שמעק טאביק

וואס מער א מענטש איז זיך מתבונן, און ער האט השגת הבורא, דאס הייסט די אייבישטער גיט איהם א באוויז א זאך וואס ער וועט דא נישט פארשטיין, דאס הייסט ער פארשטייט א זאך וואס ער האט נישט פארשטאנען, הייבט ער אהן פארשטיין אז פי מליון זאכן פארשטייט ער נישט, אז באמת פארשטייט ער גארנישט, און דא האט מען איהם א שמעק טאביק געגעבן צו עפעס פארשטיין.

די זעלבע זאך, יום מתן תורה איז געווארן 'אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד' אז מ'האט משיג געווען אזא געוואלדיגע השגה, אזא געוואלדיגע זאך, אז מ'איז נישט משיג וואס הייסט א איד, ס'איז געווען אזא 'כאיש אחד בלב אחד', די איד האט משיג געווען אז ער איז נישט משיג וואס טוהט זיך אין איהם אליין, ווי גרויס די איד איז, ווי גרויס די תורה איז, ווי גרויס די באשעפער איז, האט ער אויכט אנגעהויבן צו משיג זיין אז ער איז נישט משיג וואס איז דער צווייטער איד וואס שטייט נעבן איהם, וואס פאר א השגה דאס איז.. וואס פאר א גרויסקייט דאס איז... ווי גרויס די זאך איז.

### ומי כעמך ישראל 'גוי אחד'

קומט אויס אז ס'געווארן נתאחד, דיווארט 'אחד' איז נאר די אייבישטער, נישטא אזא זאך אחד חוץ פון דעם אייבישטן, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, אבער אונז זאגן 'אתה אחד ושמך אחד' ומי כעמך ישראל 'גוי אחד' בארץ, ס'איז נתאחד געווארן ס'איז נתגלה געווארן אזא אחדות, אזא איינציקייט וואס ס'איז דא, און דאס רופט זיך אורייתא, וקודשא בריך הוא, וישראל חד, דאס איז די סוד פון דעם 'אחד', וממילא, יענעם טאג איז דאס אראפגעקומען אזוי למטה אז קדשינו במצותיך ער האט אונז געגעבן מצוות מעשיות און אונז נעמען דעם לולב מיט דעם אתרוג וואס דאס קוקט אויס ווי די אייבישטער האט דאס באשאפן א נפרד, א עולם אין די וועלט, ס'איז נעלם די אייבישטער און אונז כאפן אהן די גאנצע בריאה, א איד האט אזא גרויסע מתנה אז ער קען משפיע זיין אויף די בריאה און צוזאמנעמען די בריאה און דאס מאחד זיין מיט כביכול הקב"ה.

### אנא עבדא דקודשא בריך הוא

יעצט וועט מען אראפגיין צו א נקודה למעשה, 'געדענקען דעם מתן תורה', א איד וואס טוט געדענקען דעם מעמד מתן תורה דארף איהם דאס צו ברענגען צו א מצב וואס אז מ'וועט עס צונעמען מיט א יסוד פון זוהר הק' וועט מען עס זייער געשמאק פארשטיין, מ'קען אנקוקען מתן תורה א מענטש איז א עבד, כמו דרגת 'עבד', א עבד איז די טייטש איך טוה אלעס אָן פארשטיין, 'איך בין א עבד', אין מיין מוח איז דא אדון, איך מוז טוהן אלעס וואס ער הייסט מיר, ס'דא א העכערע דרגא וואס די זוהר הק' רופט דאס, אז דער 'בן' איז חסיד בגנזיא דמלכא, ער וויל טוהן זיין רצון, ער וויל וויסן די רצון פון אייבישטן, ער וויל זיך מתחבר זיין צו אלע זאכן פון דעם מלך איז ער א 'בן'.

אבער נאכדעם איז דא נאך א העכערע מדריגה וואס וועט זיך רופן א 'עבד' וואס ער איז העכער פון דעם בן, נאך אלע זאכן, נאך אלע ידיעות, נאך די אלע זאכן איז ער זיך מבטל, ס'דא אפילו א לשון פון א מדרש - 'נמשכין אחריך כבהמה', דאס טייטשט מ'איז מבטל אלע אייגענע דיעות, מ'איז מבטל אלע אייגנשאפטן, און מ'איז זיך מבטל אינגאנצן צום אייבערשטן, אזוי ווי ווען א איד זוכ זוכט דעם תכלית פון די בריאה, וואס דאס איז - צוריק צו גיין צו די שורש, און מ'וועט דאס רופן 'מסירת נפש', אזוי ווי די פייער פון צוריק גיין צו זיין שורש, ער וויל זיך אפטשעפענען פון זיין ליכט און צוריק גיין צו זיין שורש האש, דארטן וועט ער בטל ווערן אינגאנצן במציאות, אבער ער וויל צוריק גיין, ווייל אזוי ווי א טראפ וואסער וואס גייט צוריק אריין אין ים ווערט ער בטל אינעם ים, אבער ער איז צוריק ביי זיין שורש, איז די נשמה ציהט צוריק צום אייבערשטן, וועגן דעם וויל זי זיך מוסר נפש זיין צום אייבערשטן, אבי צוריק גיין צו זיין שורש צום דעם 'אחד' פון 'אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד'.

### נקודה למעשה

קומט אויס, וואס איז אונז נוגע למעשה איז, א מענטש לערנט תורה, ער איז מקיים מצוות, ער טוהט אלעס, אבער ס'קומט א טאג וואס ס'גייט איהם נישט, און פון הימעל האט מען צוגעשיקט אז ס'זאל איהם נישט גיין, ער האט נישט קיין מוח, ער האט נישט כח בגוף, ער איז אפגעשוואכט, איז איינער וואס האט קיינמאל גארנישט משיג געווען ער ווייסט נישט וואס הייסט אזא זיסקייט פון אייבערשטן, אזא זיסקייט פון די תורה, אזא זיסקייט פון מצוות, נא, שטייט ער נאך ביי די ערשטע דרגת **'עבד'** ס'איז א מורא'דיגע זאך, אבער איינער וואס האט שוין יא משיג געווען דרגת ה**'בן'**, און ער האט שוין יא משיג געווען די אלע גוטע זאכן, איהם איז אסאך אסאך שווערער צו גיין צו די דאווענען, דעם פשוטע דאווענען וואס ער האט יעצט אין אזא נידריגע מדריגה, ווייל ער איז דאך משיג השגות, איז תכלית הידיעה שלא נדע, און די גרעסטע השגה וואס איז יא דא, און דאס איז איינער פון די יסודות פון מתן תורה, אז אפילו מ'וועט זיך טרעפן אין א נידריגע מדריגה, אזוי נאך מתן תורה איז געווען א תקופה - נישט

א באַ'טעמ'טע תקופה דארט אין מדבר, און אעפי"כ זאל א איד וויסן, איך האב באקומען מתן תורה און זכירות, יום מתן תורה איז אזוי - אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד, און איך בין אסאך העכער, ווייל באמת באמת נשמת ישראל און די תורה און כביכול הקב"ה איז "אינו בעל השגה **בכלל**", מ'האט מיר געגעבן דא עפעס צו שפירן א גוטן טעם, מ'האט מיר געגעבן דא אז איך זאל נעמען די בריאה, און די כלים פון דעם נברא, איהם מעלה זיין און צוריק טשעפען צום שורש, צוריק שטעפען צום דעם בורא כל עולמים און אויסרופן אז ער איז אלעס, אבער אסאך א גרעסערע עבודה איז דאס ווען די מענטש שפירט א טעם, ווען א מענטש שפירט 'נישט' דעם טעם אין די עבודה, איז אסאך אסאך מאל א גרעסערע עבודה, ס'איז א גרעסערע בחינת עבד, ס'איז די דריטע סארט בחינה ווי ווען די מענטש איז די בחינת בן ס'שיינט איהם.

צווי מענטשן גייען אריין אין די סוכה, איינער שפירט, אה, יו"ט סוכות, ושמחת בחגיך, ער באקומט די אלע אורות מיט די אושפיזין ער איז גאר גאר הויך, און א צווייטער קען אפילו זיין, זיין ברודער זיצט נעבן איהם אין די זעלבע סוכה און ער ווייסט פון די אלע אורות און ער שפירט יעצט גארנישט, ער שפירט ערד, אבער ער איז 'מאמין', אה, איך בין יעצט מקיים מצות סוכה מיט דעם וואס איך שפיר נישט די אלע אורות, מיט דעם וואס מיינע חושים זענען יעצט פארלאשן, מיט דעם וואס איך בין יעצט זייער מיד און איבערגעשטרענגט פון אזא ערב סוכות, דער איד קען זיין איז 'מער' מקבל די תורה, און ער לעבט מער אין די נקודה פון 'אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד', מתוך פשוטע אמונה.

### הבוחר בעמו ישראל באהבה

און דאס איז די 'זכור ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים', געדענק דו ביזט געווען אין א מצרים, איך נעם דיר יעצט ארויס, און אפילו ווען דו קומסט אריין נאכאמאל אין א בחינת מצרים, דו האסט נישט די כוחות, די זעלבע זאך, ס'איז די זעלבע אנכי, ס'איז די זעלבע אחדות פונעם אייבישטן.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן אלעמאל געדענקען, דעם 'יום מתן תורה', די מתנה וואס מ'האט אונז געגעבן, און גלייבן אז אונז זענען אסאך העכער ווי אונז קוקן זיך פשוט אן, קיינמאל חלילה נישט אונטער שעצן א איד, און נישט אונטער שעצן די איד וואס רופט זיך, "זיך אליין", ווי הויך מ'איז, און וואס פאר א גרויסע זאך, וקרבתנו מלכינו לעבודתיך, וקרבתנו מלכינו לשמך הגדול סלה באמת באהבה, להודות לך וליחדך באהבה ולאהבה את שמך, דעגרייכט מען די נקודה פון ברוך אתה ה' הבוחר בעמו ישראל באהבה, וואס דאס איז געווען אין דעם גרויסן טאג פון **'יום מתן תורה'**.

## מעמד מתן תורה א לימוד מאז ועד עתה

בסייעתא דשמיא מיר שטייען פרשת יתרו איינע פון די זאכן וואס מיר טרעפן אין פרשת יתרו, עס קוקט אויס כאילו די תורה פארציילט עפעס א זאך וואס איז געווען דעמאלס, און ס'קוקט נישט אויס אז ס'איז נוגע היינט למעשה, און קען זיין אז מ'וועט זעהן דא פונקט פארקערט, א זאך וואס איז נוגע פאר אונז יעדער איינער אין זיין מצב, אין זיין עולם קטן.

מיר טרעפן א מעשה אין די פרשה, יתרו קומט צו גיין צו משה רבינו אין מדבר, א גאנצע הלוך ילך, משה רבינו גייט איהם אנטקעגן, און מ'פראוועט א גרויסע פראווע'ראציע, באלד נאך שני - קאפיטל י"ח פסוק י"ג ויהי ממחרת הייבט זיך אן די עצה וואס יתרו געבט פאר זיין איידעם, אנגעהויבן מיט דעם אז מ'זאל שטעלן שרי אלפים, שרי מאות, שרי חמישים, שרי עשרות.. און וישמע משה לקול חותנו ויעש כל אשר אמר, די גאנצע סדר, וצוך אלקים ויכלת, וכו' וכו', ווי טרעפן אונז זיך אין די זאך?

### וצוך אלקים ויכלת עמוד

די זאך איז זייער געשמאק און זייער קלאר, א מענטש דארף אויסשטעלן זיין סדר אין עבודת השם לפי זיינע כוחות און זיינע כלים, מ'וועט דאס רופן ווי ס'ווערט גערופן אין די ספרים הקדושים - 'אורות וכלים', און ווען די אורות איז מער פון די כלים רופט זיך דאס 'שבירת הכלים', און אונזער שפראך וועט מען עס זאגן, אז א מענטש וואס זיינע רצונות זענען מער ווי זיינע כחות העשיה, און ער וויל מיט כח אויספירן זיינע רצונות, איז אזא מענטש פלאצט, ער וועט נישט קענען דאס איבער טראגן, למשל א מענטש וויל אין איין טאג קענען א גאנצע מסכתא און ער קען דאס נישט באוויזן, ווערט א קאנפליקט אין זיין מוח ווייל ער קען דאס נישט באוויזן, און ער פלאצט, אנדערש איז אבער ווען ער וויל ענדיגן א מסכתא און ער צוטיילט דאס טאקע לויט די טעג וואס ער וועט דאס קענען לערנען איז דאס 'אורות וכלים' - די שפע מיט די כלי שטימען, די שפע איז נישט מער ווי די כלי, ממילא קען עס מקבל די כוחות.

### כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל

ווי טרעפט מען דאס ביי מתן תורה בעצם, ס'איז זייער אינטערסאנט, די זעלבע מתן תורה, די זעלבע עשרת הדברות, די זעלבע ריבונו של עולם, שטייט כלל ישראל און צווישן זיי אלע ווערט ווערן צוטיילט פארשידענע הלכות, די מענער האבן הלכות מצות לא תעשה מיט מצות עשה וכו' וכו' וכו', פרויען האבן אנדערע הלכות, ס'דא מצות וואס פרויען זענען פטור - נשים פטורות, איי זיי שטייען ביים זעלבן מעמד הר סיני, ס'איז צוטיילט, קטנים האבן אנדערע הלכות, די כהנים האבן אנדערע הלכות, ד לוים די ישראלים, און אפילו הלכות לגבי גוים - גוי ששבת, ס'איז געבויעט יעדע איינער באקומט זיין נקודה.

און נאך מער, ביי דעם מעמד פון מתן תורה טרעפט מען אז עס איז דא א יסוד פון עשר קדושות, און מיר געפונען אויך אז ארץ ישראל אליין איז צוטיילט אויף עשר קדושות, ס'איז געבויעט פון יעדע איינער זיין חלק, זיין פארציע, זיין כח, לפי דעם כח זיינע דארף ער דינען דעם אייבערשטן, עס צוברעקלען לפי זיין דרגא, דאס הייסט נעמען די גרויסע זאך און עס צוברעקלען אויף שטיקלעך, און לפי דעם דינען דעם אייבערשטן.

### יעדע תקופה מיט זיינע נקודות

קומט דאך אויס ממילא, אזוי ווי אונז

וייסן אז ביי מתן תורה זענען געשטאנען די נשמות פון אלע דורות, אלע סארטן מענטשן, אלע מצבים, און אלע זאכן, גאנץ שורש נשמת ישראל שטייט ביי מתן תורה, און יעדע איינער באקומט לפי זיינע פסקי הלכות לפי זיין זמן, אין די תקופה איז געווען קולות, און אין די תקופה איז געווען חומרות, די אלע תקופות מיט די אלע נקודות התורה איז געווארן אפגעפראוועט און אוועקגעשטעלט בשעת די מתן תורה, און איינע פון די זאכן וואס האט געדארפט פאסירן איז, אז יתרו זאל אנקומען און געבן זיין עצה, און אוועק שטעלן, רבותי! ס'דא דא א יסוד, יעדע איינער לפי זיינע כוחות, און מ'וועט עס צוטיילן אויף כוחות, און ס'דא עקסטערע סארט תפקידים וואס יעדע סארט תפקיד איז צופאסט פאר אנדערע סארט מענטשען, די מענטש אין זיין לעבן איז אויך געבויעט מיט תקופות מיט כוחות, מיר וועלן ברענגען א דוגמא:

די גמרא פארציילט א מעשה, אז ס'געווען א אמורא וואס האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, 'ביומי ניסן וביומא תשרי לא תתחזי קמאי', איך וויל נישט אייך זעהן דעמאלס, דעמאלס איז געווען די צייטן וואס מ'האט געארבעט אין די פעלד, די ביזנעס פון די ווייץ מיט די טרויבן, ס'איז געווען די תקופה וואס מ'האט דעמאלס פארהאנדלט אויף א גאנץ יאר, זייט משקיע ניסן תשרי, וועט איר קענען לערנען א גאנצן יאר, בדרך אגב, ביי די היינטיגע צייטן זעהט מען דוקא דאס זעלביגע זאך אז ניסן אין תשרי איז די סדר פון די לערנען אנדערש אין די כוללים ווי א גאנץ יאר, כאטש אפילו אז היינט איז נישטא פונקט די נקודה פון די גמרא.

### 'קול ה' בכח',
### יעדער איינער א קול לפי זיין דרגא

קומט אויס אז יעדען מאל לפי די צייט לפי די זמן, לפי די כח, לפי דעם דארף מען דינען דעם אייבערשטן, ס'דא דאכט זיך מיר א ילקוט - א מדרש, אויף דעם פסוק 'קול ה' בכח', אז בשעת מתן תורה האט יעדער איינער באקומען א קול לפי זיין דרגא, כ'געדענק נישט פונקט דעם לשון, אבער יעדער איינער האט באקומען א קול לפי די כח פון זיין דרגא, דאס איז די זעלבע רעיון און די זעלבע געדאנק אז א מענטש זאל וויסן די חשיבות פון זיין עבודת השם, דאס ריכטיג שעצן, און עס צוברעקלען לפי די כוחות, ס'דא טאקע די חסידישע ספרים סוף די פרשה זאגן אויכעט 'לא תעלה במעלות על מזבחי אשר לא תגלה ערותך עליו' - א מענטש זאל גיין לפי זיין דרגא און נישט איבער שפרינגען זיין דרגא, לא תעלה במעלות על מזבחי די ווילסט ארויפגיין מעלה מעלה, איז די ריכטיגע דרך אין עבודת השם, נישט איבער צוטרעטן, נאר זיך פירן לפי דיינע כוחות, לפי דיינע כלים, אזוי וועסטו זיך קענען מתגבר זיין, און אויב דו וועסט וועלן בטעות ארויף טאנצן צוויי טרעפ וועסטו אראפ פאלן די גאנצע.

### אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין

היוצא מדברינו וואס אונז קענען לערנען, א מענטש דארף 'מכבד' זיין זיין עבודת השם, אמאל איז דאס שרי אלפים, אמאל שרי מאות, און נישט זאגן, אוי, נעכטן בין איך געווען אין אזא גרויסע מדריגה און יעצט בין איך געפאלן, נעכטן האסטו געהאט גרויסע מוחין האסטו געקענט לערנען אין א גרעסער מדריגה, היינט, ווען דו וועסט טוהן לפי דיינע מוחין, לפי דיינע כוחות, לפי דיינע אפשריות, דו וועסט אנפילן די צייט, איז דאס פונקט ווי דעמאלס, פארוואס? ווייל יעצט ביזטו אין די בחינה, און דו פירסט אויס די פליכט, ווען דו דינסט דיר אליין, א מענטש ווען ער דינט זיך גייט עס מיט מער מיט ווינציגער וואס 'ער' זאל הנאה האבן, אבער די מינוט וואס דו דינסט דעם אייבערשטן, ביים אייבערשטן, איז אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים איז א הגדרה, זיי זיך בבקשה מבטל, קוק נישט אויף די 'מרבה' מיט 'ממעיט' און לפי די עולם הזה מיט דיין הרגש, מיט דיין שכל, מיט די וועלט'יגע זאך, קוק וואס איז יענע וועלט'יגע זאך, קוק וואס איז אויפן אייבערשטן פאר וועמען דו דינסט, און די מינוט וואס דו ביזט דן כביכול דעם אייבערשטן, דער אין סוף, ווערט אנדערש געשאצט א זאך, און די אמת איז אן אנדערע אמת, די אמת איז נישט 'כמות', די אמת איז 'איכות'.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן באמת יעדעס מאל קענען ריכטיג שאצן ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן, און דינען דעם אייבערשטן מיט אונזער אלע כוחות.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 052-713-5944**

## א פרייליכע מעלדונג

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**